LIT 7508

I. B. Singer

# מעשׂיות אין אַ װינטערנאַכט

## א

דאָס טריסקער שטיבל איז געשטאַנען אויף אַ בערגל און מיר דוכט זיך אַז יענעם װינטער איז אָנגעפֿאַלן אויף דעם בערגל מער שניי װי אין דער גאַנצער געגנט אַרום. פֿון דער װײַטנס האָט דאָס קלײַזל אויסגעקוקט װי אַ היטל צוקער. די דאַװנערס זענען אַװעק אַהיים באַלד נאָך מעריבֿ, אַרום פֿינף אַ זייגער, די לערנערס — אַרום נײַן. אָבער איך בין געבליבן זיצן ביז שפּעט. דער ליימענער אויװן איז געװען געהייצט. שפּעט אין אָװנט זענען אָנגעקומען אַהער נישט דאַװנערס און ניט לערנערס, נאָר אַזוינע לײַט װאָס אין גרעסערע שטעט פֿאַרברענגען זיי אין אַ שענק. אָבער אין בילגאָרײַ איז די שענק אָפֿן בלויז אין מאַרקטעג פֿאַר די פּויערים.

צװישן נײַן און עלף בין איך דאָ געבליבן אַליין. איבערן טיש װוּ איך בין געזעסן איז געהאָנגען אַ נאַפֿטלאָמפּ מיט אַ בלעכענער שײַן. איך האָב אַראָפּגענומען פֿון דעם העכסטן פֿאַך, װוּ ס'שטייען די ספֿרים װאָס מ'ניצט זעלטן, דעם עץ החיים — די בלעטער געל, מיט טאָװלען פֿון האָלץ. כ'האָב אַ ביסל זיך געגריבלט אין קבלה, אַ ביסל פֿאַנטאַזירט װעגן מיידלעך. כ'האָב אַרויסגענומען פֿון בוזעם־קעשענע אַ נאָטיצביכל און אַרײַנגעשריבן געדאַנקען. איך האָב אויך געצייכנט אַלערליי מענטשעלעך און שאַלעמויזן. אַזוי זענען אַריבער די צװיי שעה.

כ'האָב געהערט שװערע טריט, אַ קלאַפּן פֿון פֿיס און אַ דעכען פֿון עמעצן װאָס לײַדט אויף אַ קורצן אָטעם. כ'האָב געװוּסט װער דאָס איז: בענדעט דער טאַטע. טאַטע איז געװען זײַן צונאָמען. בענדעט איז געװען דער פֿאָטער פֿון צװיי טעכטער, װאָס זענען אין דער צײַט פֿון דער מלחמה געװאָרן זונות. זיי האָבן געהאַט אַ הײַזל אויפֿן „זאַמד" און ס'זענען געקומען צו זיי פֿריִער די רוסישע סאָלדאַטן און שפּעטער די עסטרײַכער, די מאַדיאַרן, די באַסניאַקעס. די עלטערע טאָכטער, זעװטל, האָט געהאַט אַ מאַן אין אַמעריקע און באַלד נאָכן קריג האָט ער איר געשיקט אַ גט. איך בין געװען אין מײַן פֿעטער יוספֿס בית־דין־שטוב, װען זעװטל האָט גענומען דעם גט. זי האָט געהאַט מיטגעבראַכט די ייִנגערע שװעסטער, באַשע. ביידע האָבן געטראָגן טיכלעך אויף די קעפּ און לאַנגע קליידער ביז די קנעכלעך, װי צװיי כּשרע װײַבלעך. די מוטער איז געהאַט געשטאָרבן אין דער כאָליערע. בענדעט איז אין די פֿריִערדיקע יאָרן געװען אַ נאַכטװעכטער. ס'איז אים געבליבן די געװוינהייט צו זײַן װאַך שפּעט.

בענדעט — קליין, אויסטערליש ברייט פֿאַר זײַן נידעריקן װוּקס, מיט ריזיקע הענט און פֿיס, אַ קורצער נאָז און גראָבע ליפּן — האָט שוין געהאַט אַריבערגעשפּאַנט די זיבעציק, אָבער דאָס שיטערע בערדל זײַנס האָט בלויז געהאַט אַ פּאָר גרויע האָר. ער האָט איצט געטראָגן אַ שאָפֿענעם פּעלץ, אַ שאָפֿן היטל, גראָבע שטיװל. ער איז אַרײַנגעפֿאַלן מיט אַ פּרײַכעניש און אַ בהלה, װי גזלנים װאָלטן אים געיאָגט. ער האָט געטופּעט מיט די פֿיס, געפּאַטשט מיט די הענט, זיך צו דערװאַרעמען. דאָס פּנים זײַנס, װאָס איז געװיינלעך רויט, האָט איצט געהאַט אַ בלוילעכן קאָליר. ער האָט געשריגן מיט אַ פֿאַרדומפּטן קול:

— שוין איין מאָל אַ קרירה! אַן עבֿירה אַ הונט אַרויסצולאָזן!

ער האָט זיך אַװעקגעזעצט בײַם הייסן אויװן, געברומט, געזיפֿצט, געהוסט און אונטער די שטיװל איז אָנגערונען אַ קאַלוזשע. ער האָט אַ רוף געטאָן צו מיר:

— אַזוי שפּעט לערנסטו?

— כ'האָב ליב צו לערנען.

— דו געראָטסט אַרײַן אין דײַן זיידן, אַ מליץ־יושר זאָל ער זײַן.

אַ ביסל שפּעטער איז געקומען טעװעלע שמירער. שמירער האָט מען אים גערופֿן, װײַל בעת דער עסטרײַכישער אָקופּאַציע איז ער געװען פֿאַרבראַט מיטן קאָמענדאַנט און דער פֿאַרמיטלער צװישן אים און די שמוגלערס, װאָס האָבן געבראַכט קיין בילגאָרײַ טיטון פֿון פֿריִערדיקן גאַליציע און געפֿירט אַהין מעל, קאַשע, פֿלייש. טעװעלע האָט אונטערגעקויפֿט דעם קאָמענדאַנט, די פֿינאַנצן און אַראָפּגענומען פֿון קאָנטראַבאַנד אַ חלק פֿאַר זיך. אַ צײַט האָט ער געפֿירט אָקסן צום איטאַליענישן פֿראָנט. טעװעלע איז געװען הויך, טונקל און זיך געקליידט װי אַ פּאַצעט. אַפֿילו איצט האָט ער געטראָגן אַ קורץ פּעלצל, גאַליפֿע־הויזן, שטיװל מיט הויכע כאַליעװעס. ער האָט גערייכערט פּאַפּיראָסן מיט לאַנגע מונדשטוקן. ער האָט אַלע מאָל געבראַכט מיט זיך אַ פֿלעשל בראָנפֿן און אַ בײַטל מיט זאַלצפּלעצלעך. ער איז אַרײַנגעקומען מיט אַ לײַכטקייט, אַ שטייגער װי אין דרויסן איז זומער. די שװאַרצע אויגן האָבן געשמייכלט מיט שלויער פֿרײַנדלעכקייט.

— טעװעלע, ס'איז דיר נישט קאַלט? — האָט בענדעט געפֿרעגט.

— כ'הייץ אינעװייניק — האָט טעװעלע געענטפֿערט און אָנגעװיזן אויפֿן בויך. פֿון אָפֿענעם פּעלצל האָט אַפֿערגעקוקט אַ שװאַרצע בלוזע און אַ פּאַסיק מיט אַ מעשענעם שנאַל װי בײַ אַ סאָלדאַט.

# The Blizzard

THE STUDY HOUSE stood on a hill and I imagined that more snow fell on it that winter than on any other house in the neighborhood. Its gabled roof gave it the appearance of a sugar cone. Those who came there to pray left around five o'clock, immediately after the evening prayer. The yeshiva boys went home about nine, but I stayed on. Later the study house was occupied by men who in larger towns would be found in a tavern. But in Bilgoray the tavern was open for the peasants only on market days.

Between nine and eleven I was alone. The brick oven was heated. Above the table where I sat hung a kerosene lamp with a tin shade. From the highest shelf where the rarely used volumes were kept I took down *The Tree of Life,* its pages yellowed, the covers made of oak. My pondering over the cabala texts alternated with my fantasies about girls. I carried a notebook with me in which I wrote down my thoughts and drew figures of people, animals, and whatever else crossed my imagination.

I heard heavy steps, a stamping of feet, and the wheezing of someone suffering from a shortness of breath. I knew who it was: Bendit the Daddy. Daddy was his nickname. He was the father of two girls who had become whores during the war. They had a brothel on the Sands which was frequented first by the Russian soldiers, then by the Austrians, and now by Poles. His older daughter Zevtel had a husband in America, and soon after the war he sent her divorce papers. I was present in the chambers of my Uncle Joseph, who inherited my grandfather's rabbinical chair, when the papers were served on her. She brought with her her younger sister Basha. Both wore kerchiefs over their heads and long dresses down to their ankles like modest women. Their mother had died in the cholera epidemic. Bendit was called Daddy because it was known that he took money from his daughters. In earlier years he had been a night watchman. Now he was too old for that job. But he hadn't lost the habit of late hours.

Bendit, small, unusually broad for his height, with huge hands and feet, a short nose, a long upper lip, and slanted eyes, had already passed his seventieth year. But his sparse beard showed only a few gray hairs. He was wearing a sheepskin coat, a hat of the same material, and heavy boots. He fell into the room with a puffing and a haste as if chased by thieves. He shook the snow from his clothing, rubbed his hands for warmth. His face, which was usually red, had a bluish color. He shouted in a gruff voice, "What a night! It would be a sin to let a dog out." He sat down near the hot stove sighing, coughing, mumbling to himself, and under his boots a pool formed. He called to me, "Are you studying so late?"

"I like to study."

"You take after your grandfather, he should intercede for us."

A little later Tevele Smearer entered. He was called Smearer because at the time of the Austrian occupation he became a chum of the commander of the town and an intermediary between him and the town smugglers, who brought tobacco from Galicia and carried back flour, groats, and meat. Tevele bribed the commander and the gendarmes, and took a good percentage for himself, For a time he also transported oxen from Bilgoray to the Italian front. Tevele was not yet thirty. He was tall, dark, and dressed like a dandy. Even now he wore a short jacket, riding breeches, boots with high uppers. He smoked a cigarette in an amber holder. He carried a bottle of vodka in one pocket and a bag of salt pretzels in the other. He entered as carefree as if we were in midsummer. The smile in his dark eyes was both sly and benign.

"Tevele, you're not cold?" Bendit asked.

"I'm heated inside," he replied, pointing to his belly. Under his jacket he wore a black blouse and a soldier's belt with a brass buckle.

דער לעצטער איז אַרײַן שמואל קלעפּקע, אַן אַלטער בחור פֿון אַ יאָר פֿערציק, הויך, ברונעט, מיט פֿאַרחלומטע אויגן. אַזוי ווי טעוועלע איז פֿלײַסיק, אַזוי איז שמואל פֿויל. ער האָט זיך אויפֿגעהאַלטן בײַ אַ פֿאַרמעגלעכן שוואָגער. ער האָט יאָרן־לאַנג געהאַט געווױנט אין וואַרשע, געבליבן שטעקן אין דער מלחמה אין רוסלאַנד. ער האָט געהאַט דורכגעמאַכט די רעוואָלוציע, די פּאָגראָמען, די באַנדעס. וועגן דעם שמואלן זענען אַרומגעגאַנגען אַלערליי געשיכטעס. מ׳האָט געשמועסט אַז מ׳האָט אים אין רוסלאַנד אַרויסגעפֿירט צום וואַנט צום שיסן, אָבער אין דער לעצטער מינוט האָט מען אים באַ־פֿרײַט. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט סודות. מ׳האָט אים פֿאָרגעשלאָגן שידוכים, נאָר ער האָט נישט חתונה געהאַט. אַז אַ שדכן איז געקומען צו אים מיט אַ שידוך, האָט שמואל קלעפּקע אים לײַטיש אויסגעהערט ביזן סוף און דערנאָך געפֿרעגט:

— צו וואָס?

און ער האָט געשמייכלט קליגעריש און טרויעריק. שמואל האָט אַ סך געררייכערט און געהאַט געלע פֿינגער פֿון וויקלען פּאַפּיראָסן. ער האָט זיך פֿאַרלאָזט באַקנבערדלעך ווי אַ קאַצאַפּ. ער האָט געהאַט געקרײַזלטע שוואַרצע האָר וואָס זענען אַרײַנגעפֿאַלן אין בלוי.

אַלץ האָט זיך איבערגעחזרט. טעוועלע שמירער האָט אַרויסגענומען דאָס פֿלעשל בראָנפֿן מיט די זאַלצפּלעצלעך. געטאָן אַ שלוק און דערלאַנגט דאָס פֿלעשל שמואל קלעפּקע. יענער האָט געטאָן איין לאַנגן זופּ און געגעבן די פֿלאַש בענדעטן. בענדעט האָט געעפֿנט אַ מויל מיט אַן איינציקן שוואַרצן צאָן, שפּיציק ווי אַ נאָגל, און גענומען טרינקען און קרעכצן. די געלע אויגן

זענען פֿאַרלאָפֿן מיט טרערן. ער האָט אויסגעזויגט ביזן לעצטן טראָפּן און פֿאַרצויגן די ברעמען אַ שטייגער ווי ער וואָלט געמאַכט אַ טעות.

— אַ מאָל בראָנפֿן האָט פֿאַרריסן אין האַלדז; דער הײַנטיקער בראָנפֿן איז וואַסער.

— ס׳איז נײַנציקער.

— נײַנציקער־שמײַנציקער.

מיך האָט מען מיט קיין משקה נישט מכבד געווען, אָבער טעוועלע האָט מיר צוגעוואָרפֿן עטלעכע זאַלצפּלעצלעך. דערנאָך איז געוואָרן אַ שמועס און דער שמועס איז אַלע מאָל אַריבער אין מעשׂיות. דאָס מאָל האָט בענדעט געטענהט:

— נאָך אַזאַ ווינטער שטעלט זיך פֿרי דער זומער. כ׳האָב מורא אַז ווען ס׳אײַז וועט שמעלצן, וועט אונדזער טײַך אויסגיסן.

— ווײַטער פֿון דער בריק־גאַס וועט דאָס וואַסער נישט גיין — האָט טעוועלע געזאָגט.

— אַזוי זאָגסטו? דו ביסט אַ יינגל. וואָס ווייסטו? איך געדענק אַ פּסח ווען ס׳וואַסער איז אַרײַן אין דער שול. דער חזן איז געשטאַנען און גע־בענטשט טל. מיט אַ מאָל איז אַנגעלאָפֿן אַ שטראָם פֿון פּאַליש און דער עולם איז געבליבן שטעקן אין וואַסער ביז די קני.

— דער חזן האָט ווײַטער געדאַוונט? — האָט טעוועלע שמירער געפֿרעגט.

— די מאַנצלײַט וואָלטן אפֿשר ווײַטער געדאַוונט. אָבער די ווײַבער אויבן גאָרן האָבן אַרויסגעלאָזט אַ געשריי און ס׳איז געוואָרן אַ געפּילדער.

— זיי האָבן מורא געהאַט ס׳וואַסער זאָל נישט גרייכן ביז דער קראַטע?

— נו, ווײַבער. גיב מיר אַ פּאַפּיראָס.

טעוועלע שמירער האָט דערלאַנגט בענדעטן אַ פּאַפּיראָס. ווען טעוועלע האָט אָנגעריבן אַ קינעלע, האָט בענדעט עס פֿאַרשטעלט מיט ביידע הענט, אַ שטייגער אין שטיבל וואָלט געבלאָזן אַ ווינט. ער האָט פֿאַררייכערט און געזאָגט:

— שפּילט זיך מיט וואַסער! ס׳איז נישט געווען אין אײַערע צײַטן. לעבן קרעשעוו איז דאָ אַ שלאָס און ס׳האָט דאָרט געוווינט אַן אַלטער פּריץ. כ׳געדענק שוין נישט ווי ר׳האָט געהייסן. דוכט זיך זאַמאָיסקי. ס׳איז געשען איידער מ׳האָט באַפֿרײַט די פּויערים. ער האָט געהאַט פֿעלדער און דערפֿער אויף מײַלן־ווײַט, פֿון זאַמאָשטש ביז צום סאַן. אַן אַלטער כלב, אָבער אַ ווײַב

האָט ער געהאַט נאָך גאָר אַ יונגע, אַ שיינהייט. מסתּמא האָט זי געשטאַמט פֿון פֿאַראָרעמטער שליאַכטע און זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ מאַן, עלטער פֿון איר מיט פֿערציק יאָר. אַמאָליקע פּריצים פֿלעגן פֿירן פּראָצעסן. מ׳האָט זיך געהאַלטן אין איין פּראָצעסירן. האָט מען אָנגעווירן בײַ איין שופֿט, האָט מען געמאַכט אַן אַפּעלאַציע צו אַ העכערן שׂררה, ביז ס׳איז דערגאַנגען צום סיים. ס׳האָט אַלץ אָפּגעקאָסט אוצרות און אַ סך פּריצים זענען געוואָרן בדלות, אַפֿילו אויב זיי האָבן געוווּנען. געשיכּורט האָבן זיי אַלע — פֿון קלענסטן שליאַכטשיץ ביז צו די ראַדזשיווילס און די טשאַרטאָריסקיס. אַ סך האָבן געקרענקט פֿון צו פֿיל זויפֿן. יעדער פּריץ האָט געהאַט אַ הויף־ייִד און ווען נישט דער הויפֿייִד וואָלטן זיי אַלע געבליבן אָן אַ העמד. די הויפֿייִדן האָבן געפֿירט די געשעפֿטן, ווײַל די עקאָנאָמען, די קאָמיסאָרן, די מאַרשאַלן האָבן בלויז געקאָנט זויפֿן און שמײַסן פּויערים. דער הויפֿייִד האָט געהאַט די גאַנצע דעה; פֿון דעסט וועגן, אַז דער פּריץ האָט געמאַכט אַ באַל און מ׳האָט געדאַרפֿט לוסטיק מאַכן די געסט, האָט מען גערופֿן דעם הויפֿייִד און ער האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ בער. מ׳האָט אים געצופּט בײַם ווידל, געמאַכט פֿון אים ס׳גענאַר און דער ייִד האָט זיך נישט גענומען צום האַרץ.

The last to come was Shmuel Klepke, a bachelor of about forty, tall, dark, with black dreamy eyes. Shmuel Klepke was known for his laziness. His sister supported him. He had lived for years in Russia, where he went through the Revolution, the pogroms, the civil war. It was said in Bilgoray that he had been the lover of a policeman's wife. All sorts of stories were told about him. It was rumored that he had been about to be executed in Russia but obtained his freedom at the last moment. He surrounded himself with secrets. Many matches were proposed to him but he refused to marry. He would listen to the matchmaker's offer to the very end and then ask, "What for?"

And he would smile sadly. He rolled his own cigarettes, which he smoked without a holder. He had the sideburns of a Russian. His curly hair was so dark that it seemed blue.

They had their routine. Tevele Smearer took out the vodka, took one swallow, and handed the bottle to Shmuel Klepke. He drank and gave the bottle to Bendit. Bendit opened his mouth, showing one blackened tooth in his empty gums, and groaned as he drank. His eyes filled with tears. He emptied the bottle and grimaced as if he had made a mistake. He said, "In olden times vodka packed a punch. Today's vodka is water."

"It's ninety percent alcohol," Tevele Smearer said.

"Ninety shminety."

I was never offered any vodka, but Tevele gave me a few of his salt pretzels. Then they began to talk and their talk always led to stories. Bendit was saying, "After such a winter summer comes early. I'm afraid that when the ice melts, our river will be over its banks."

"The water never goes farther than Bridge Street," Tevele said.

"That's what you say. You're still a boy, what do you know? I remember a Passover when the water ran into the synagogue. The cantor was standing at the podium reciting the prayer for dew when suddenly a stream poured in from the antechamber and the congregation waded in water up to the knees."

"Did the cantor go on with the liturgy?" Tevele asked.

"The men might have continued but the women raised a commotion."

"Did they think that the water would come up to their balcony?"

"You know women. Give me a cigarette."

Tevele gave Bendit one of his fancy cigarettes. When Tevele lit a match. Bendit covered it with both hands as if to protect it from a wind. He blew out the smoke and said, "You don't fool around with water. This did not happen in your time. Near Kreshev there was a castle inhabited by an old squire. He was one of the Zamojski family. It happened before the serfs were freed. The fields and villages extended from Zamość up to the River San. He was already on in years, but his wife was young and a great beauty. Most probably she stemmed from an impoverished house and had married a man about forty years older than she. The Polish squires were always engaging in lawsuits. If they lost in one court they appealed to a higher one, until it reached the Sejm or God knows where. It was all very costly and many noblemen went bankrupt even when they won the case. Drunkards they were all—from the smallest nobleman to the Radziwills and Czartoryskis. Many became sick from drinking. Every squire had his court Jew, and without him none of them would have a shirt to his name. The court Jews took care of all the business of the nobles because their managers, commissars, marshals, and whatever they called themselves could only drink and whip peasants. The boss was actually the court Jew. Just the same, when the squire had a ball the court Jew was asked to disguise himself as a bear. They pulled his tail, made fun of him,

but the Jew didn't seem to mind.

קעגן וואָס זאָג איך דאָס? יאָ, דער פּריץ האָט גענומען אַ יונג ווײַב און ער האָט זי שטאַרק ליב געהאַט. גראָד דער פּריץ איז נישט געווען אַזאַ שיכּור, אָבער משוגע־מטורף. ער האָט געהאַט אַ הויפֿייִד, ר׳ זעקעלע, און ער פֿלעגט מיט אים שפּילן שאָך. ר׳ זעקעלע האָט געקאָנט בעסער שפּילן פֿון דעם פּריץ, נאָר ער האָט אים געלאָזט געווינען. איין מאָל האָט ר׳ זעקעלע אים געלאָזט געווינען צו גרינג. דער פּריץ איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַזאַ רציחה, אַז ער האָט געכאַפּט אַ פּיסטויל און אים געוואָלט שיסן. גראָד האָט די פּריצה דאָס געזען און זי האָט אַרויסגעריסן פֿון אים דעם פּיסטויל. ער האָט זי אַזוי ליב געהאַט אַז זי האָט געקאָנט טאָן מיט אים וואָס ס׳איז איר געפֿעלן.

מיט אַ מאָל איז די פּריצה געוואָרן שלאַף, דוכט זיך אויף פּאָקן, און איז געגאַנגען אַ גאַנג. דער פּריץ האָט אַראָפּגעבראַכט די גרעסטע דאָקטוירים פֿון לובלין, אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפֿן. געוויינלעך גויים קלאָגן נישט בײַ אַ באַגרעבעניש. אָבער ד ע ר פּריץ האָט אַזוי געהוילט אין דער תּפֿילה, אַז מ׳האָט נישט געקאָנט הערן ווי דער גלח בלעקעצט.

יענע יאָרן האָט יעדער פּריץ געהאַט אַזאַ סאָרט געוועלבט געבײַ אויפֿן צמענטער ווו מ׳האָט אַוועקגעשטעלט די קאַטאַפֿאַלקן פֿון דער גאַנצער משפּחה. די טרומנעס זענען געווען געשניצטע, פֿון טײַערסטן האָלץ, נאָר וואָס איז די נפֿקא־מינה? די ווערעם עסן יעדן איינעם, צי מ׳ליגט אין דער בלויזער ערד אָדער אין אַ גאָלדענעם אָרון. בין איך גערעכט, האַ?

— יאָ, גערעכט — האָט טעוועלע שמירער צוגעשאָקלט.

— גיב מיר נאָך אַ פּאַפּיראָס.

— וואָס האָט דאָס אַלץ צו טאָן מיט וואַסער? — האָט טעוועלע געפֿרעגט.

— וועסט באַלד הערן. כ׳רעד נישט פֿון וועג.

## ב

בענדעט האָט אויסגעבלאָזן דעם רויך און געזאָגט:

— ס׳איז דאָ אַ ווערטל: וואָס די ערד דעקט צו, מוז מען פֿאַרגעסן. מ׳האָט געמיינט דער פּריץ וועט אָפּוויינען אַ פּאָר וואָכן און דערנאָך זיך אויסזוכן אַן אַנדערע, אָדער זיך פֿאַרטרינקען צום טויט. דאָס האָט אויך געטראָפֿן.

אָבער ניין. ער איז אַרײַנגעפֿאַלן — ווי רופֿט מען דאָס? אין אַ מאַנקאָליע. ער האָט גערופֿן צו זיך ר׳ זעקעלען און געפֿרעגט: צו וואָס לעבט אַ מענטש, אויב דער סוף איז צו פֿוילן אין דער ערד? ער האָט געטענהט צו אים: מיר, קריסטן, ווייסן גאָרנישט. אפֿשר ווייסן די ייִדן? ר׳ זעקעלע האָט אים איבערגעגעבן וואָס מ׳שרײַבט אין די ספֿרים, אָבער דער פּריץ איז אַרײַן אין אַ יוכע און געשריגן: עך ווייסט אויך גאָרנישט. ער האָט געכאַפּט צו אים די בײַטש און אים געוואָלט דערלאַנגען שמיץ. ר׳ זעקעלע איז קוים אַנטלאָפֿן מיט גאַנצע ביינער. דער פּריץ איז געקומען צו דעם רבֿ אויך — נישט צו דײַן זיידן, נאָר צו אַ פֿריִערדיקן רבֿ. וואָס האָט אים דער רבֿ געקאָנט זאָגן? אַזוי וויל גאָט. אָבער פֿאַר דעם פּריץ איז דאָס נישט גענוג.

כ׳על אײַך לאַנג נישט ברײַען. ס׳איז געווען אין קרעשעוו אַ סטאָליער, מאיר, און ער האָט געמאַכט אַלע טרומנעס אין דער געגנט. דער פּריץ איז אַוועק צום סטאָליער און באַשטעלט אַ בעט וואָס זאָל אויסזען ווי אַ טרומנע, אַזוי אַז נאָך זײַן טויט זאָל מען אים באַגראָבן אין זײַן אייגן בעט. ער האָט אָנגעצייכנט דעם סטאָליער מיט קרײַד וואָס ער וויל. דער מאיר האָט אַוודאי געהאַלטן אַז דער פּריץ איז פֿון זינען אַראָפּ, אָבער יענע צײַטן אַז אַ פּריץ האָט געהייסן, האָט מען געפֿאָלגט. ער׳ט אים גוט באַצאָלט אויך. מאיר האָט אים געמאַכט אַ טרומנע, גענוג ברייט מ׳זאָל קאָנען אין איר שלאָפֿן און אונטערלייגן בעטגעוואַנט. דער פּריץ האָט צונויפֿגערופֿן די לײַט אין שלאָס און געזאָגט: ווי באַלד דער סוף פֿון מענטש איז די טרומנע, וויל איך ליגן אין אַ טרומנע שוין איצט. ער האָט געהייסן אַרויסנעמען די בעטן פֿון שלאָפֿצימער און אַרײַנשטעלן די טרומנע. דאָרט איז ער געפּאָפֿן ווינטער. זומער האָט ער געהייסן די טרומנע אַריבערטראָגן אין דעם שטיבל אויפֿן צמענטער און ער האָט דאָרט געכאַליעט ביז ס׳איז געוואָרן קאַלט. די פּריצים אין דער געגנט זענען געקומען צו אים אויפֿן צמענטער און ער האָט צו זיי געזאָגט: אויב איך וועל שטאַרבן זומער, וועט מען פֿאַרשפּאָרן מיך צו שלעפּן אין אַ קאַטאַפֿאַלק מיט לאַמטערנס און צלמים. מ׳וועט פֿאַרמאַכן דאָס דעקל און באַסטאַ. אויב כ׳וועל פּגרן אין ווינטער, וועט מען מיך אַריבערטראָגן צום צמענטער צוזאַמען מיט מײַן בעט. די פּריצים פֿרעגן: וואָס אַרט דיך אויב מ׳וועט דיך אַריבערלייגן פֿון בעט אין אַ טרומנע? און ער זאָגט: כ׳וויל נישט פֿאַרגעסן מײַן סוף. כ׳וויל זײַן אַזוי נאָענט צו מײַן ווײַב וויפֿל ס׳איז מעגלעך. וואָס ווייסט איר, יונגע־לײַט, וואָס אַ פּריץ איז געווען אַמאָליקע צײַטן? אַז ער האָט זיך געהייסן ברענגען ס׳טעלערל פֿון הימל, האָט מען אים צוגעטראָגן ס׳טעלערל פֿון הימל. ס׳איז אומגעגאַנגען אַ ווערטל: בײַ זיך אין דער גאַספּאָדע איז יעדער פּריץ אַ וואָיעוואָדע.

איצט הערט אַ מעשׂה. עך קאָנט דעם סאַן. נישט אַזאַ גרויסער טײַך און נישט אַזוי ברייט. קעגן דער ווײַסל איז דער סאַן אַ פּיצעלע טײַכל. אָבער יענעם ווינטער האָט נישט אויפֿגעהערט שנייען. ס׳האָט געשאָטן טאָג און נאַכט. פּסח־צײַט האָט דער פּריץ געהייסן אַריבערטראָגן די טרומנע אין דעם מתים־שטיבל און ער איז דאָרט געפּאָפֿן. אין מיטן נאַכט איז געוואָרן אַ פֿאַרפֿלייצונג. געוויינלעך אַז אַ טײַך גיסט אויס, נעמט ער זיך הייבן העכער און העכער, ביז ער פֿלייצט אַריבער די ברעגן. דאָס מאָל איז אַלץ געשען פּלוצעם.

"This particular squire at Kreshev had a young wife whom he loved to distraction. He had a court Jew, Reb Zekele, with whom he used to play chess. Zekele knew the game better than the squire but he let him win. Once when Zekele let him win too easily the squire fell into such a rage that he tried to shoot him with a pistol. The squiress happened to be present and she tore the gun out of his hand. One day the squiress got sick. I think she had smallpox, and that was the end of her. The squire had summoned the greatest doctors from Lublin but they couldn't help her. As a rule Gentiles don't weep at a funeral as we do, but the squire howled so that you couldn't hear the priests chanting.

"In those years each squire had a family vault, a house with a roof over it. I don't know if the coffins were buried or just put inside the houses—what's the difference, the worms eat us all, whether we lie in the earth or in a golden casket. Am I right or not? Give me another cigarette."

"What has all this to do with water?" Tevele asked.

Bendit puffed on the cigarette and said, "There is a proverb, 'What the earth covers must be forgotten.' People thought that the squire would cry for a few weeks and then find himself another woman or else drink himself to death. But no, he fell into—what do you call it?—a melancholy. He called for Reb Zekele and asked him, 'What is the sense of a man's life if he is to end up rotting in the earth?' He said to him, 'We Christians know nothing. Perhaps the Jews have an answer.' Zekele told him what is written in the sacred books, but the squire fell into such a rage that he grabbed his whip and tried to beat up the court Jew. Zekele barely escaped with his bones unbroken. The squire also went to the rabbi—not to your grandfather but to the one before him. What could the rabbi have told him? 'This is God's will.' But for the squire that was not enough.

"I'm not going to draw it out. There was in Kreshev a carpenter, Meir, who made all the coffins in the region. The squire went to Meir and ordered, 'Make me a bed that looks like a coffin, so that when I die I can be buried in my own bed.' Meir probably thought the squire had lost his mind, but in those times a workman did as he was told. He made a coffin broad enough to contain a mattress, a pillow, and a quilt cover. The squire summoned the people of his castle and said to them, 'Since the end of every man is a coffin I'm going to start sleeping in a coffin right now.' In the winter he kept it in his bedroom. In the summer he put it in that little stone house and there he slept until it grew cold again. His friends asked him, 'What good does it do to sleep in a coffin?' and he replied, 'I don't want to forget my end. Also, I want to be as near to my wife as possible.'

"You know the River San. In comparison to the Vistula it's a small stream. But that winter it kept on snowing day and night. After Passover the squire had his coffin carried over to the stone house and there he slept each night. In the middle of one of those nights the river overflowed. The squire slept and knew nothing. The door of the stone house stood open. The water rushed in, and soon the coffin was floating like a boat. It went out the door while the squire continued to snore—most probably he had tippled more than usual.

"When they realized in the castle what was happening, peasants were sent out to rescue the squire, but the water was deep and no boat was available. They waited for days until the water receded, and by then there was no sign of the coffin bed. Some said that it had reached the Vistula and from there had floated out to sea. Others believed that the demons had captured it. They even wrote about it in the newspapers of Lublin and Warsaw, and they talked about the event in half of Poland.

"But how long do people remember anything? Lost is lost. The squire had a nephew abroad, I think in Paris, and he was the heir. He came back and took over the whole estate. He was still a bachelor, but he soon married the daughter of a count who brought him a dowry of more villages and more peasants. The old squire was forgotten as if he had never existed. The crones who spun flax muttered that the squire had fallen to the creatures that

אין מיטן נאַכט איז אָנגעלאָפֿן אַ וואַסער — נישט אַ וואַסער, נאָר אַ גאַנצער ים. דער וועכטער וואָס האָט געזאָלט היטן פֿאַר דעם שטיבל, איז געהאַט אַוועק צו זײַן באָבע אָדער אין אַ שענק. דער פּריץ האָט געכאַמערט ווי אַ געהרגעטער. די טיר פֿון דעם טויטן־שטיבל איז געשטאַנען אָפֿן. דאָס גע־וויסער איז אָנגעלאָפֿן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז די טרומנע האָט גענומען שווימען ווי אַ שיפֿל און איז אַרויס דורך דער אָפֿענער טיר. דער פּריץ האָט אַוודאי געהאַט אַרײַנגעגאָסן היפּשע עטלעכע כּוסות. דאָס אַלץ האָט מען זיך דערוווּסט מיט יאָרן שפּעטער.

ווען מ׳האָט געזען אין שלאָס וואָס ס׳טוט זיך, האָט דער עקאָנאָם, אָדער אַן אַנדערער פֿון די יוצר־משרתים געשיקט פּויערים מ׳זאָל ראַטעווען דעם פּריץ. אָבער ס׳איז אין שלאָס נישט געווען קיין שיפֿל און נישט קיין טראַטווע. דאָס וואַסער איז געוואָרן אַלץ טיפֿער און אַ פּויער וויל אויך נישט פּגרן. מ׳האָט געוואַרט ביז דאָס פֿאַרפֿלייצעניש וועט אָפּפֿאַלן און ס׳זענען אַריבער טעג. ווען ס׳וואַסער איז אָפּגעפֿאַלן און די פּויערים און די הויפֿלײַט זענען אַוועק צום צמענטער, האָט מען דאָרט נישט געפֿונען נישט קיין פּריץ און נישט קיין טרומנע. מ׳האָט געזוכט אין דער גאַנצער געגנט. מ׳האָט אַרויס־געדרונגען אַז דאָס וואַסער האָט פֿאַרטראָגן די טרומנע צום סאַן. דוכט זיך, אַז דער סאַן פֿאַלט אַרײַן אין בוג אָדער אין נאַרעוו. כ׳געדענק שוין נישט. מ׳האָט אַרויסגעשיקט שטאַפֿעטן און שיפֿלעך, אָבער מ׳האָט גאָרנישט געפֿונען. טייל האָבן געזאָגט אַז די טרומנע איז פֿאַרשווומען אין דער ווײַסל און פֿון דאָרט צום ים. נו, אָבער ס׳האָט זיך נישט געלייגט אויפֿן שכל דער פּריץ זאָל אָפּ־שווימען טעג און וואָכן און נישט פּרוּוון זיך ראַטעווען. ער האָט געקענט שווימען. ער וואָלט געקאָנט שרײַען. פֿון קרעשעוו ביז צום ים איז פֿאָלג מיך אַ מהלך. אַנדערע האָבן גערעדט אַז די שדים האָבן אים אויפֿגעכאַפּט. ס׳האָט געקאָכט מיט דער זאַך אין האַלב פּוילן.

נו, אָבער ווי לאַנג קאָכט? פֿאַרלוירן איז פֿאַרלוירן. דער פּריץ האָט געהאַט אַ ברודערן־זון אין אויסלאַנד, דוכט זיך אין פּאַריז, — דער יורש. איז ער געקומען צו פֿאָרן און איבערגענומען דאָס פֿאַרמעגן. ער האָט אַרויסגעטריבן דעם עקאָנאָם מיטן מאַרשאַל, מיטן גאַנצן געהינטעכץ, אָבער דער הויפֿ־ייִד, ר׳ זעקעלע, איז געבליבן. דער יונגער פּריץ האָט גענומען אַ טאָכטער פֿון אַ כראַביע, כ׳געדענק שוין נישט ווער, און זי האָט אַרײַנגעטראָגן אין נדן נאָך דערפֿער און נאָך פּויערים. וועגן דעם אַלטן פּריץ האָט מען פֿאַרגעסן, ווי ער וואָלט קיין מאָל אויף דער וועלט נישט געלעבט. די באָבעס וואָס שפּינען פֿלאַקס האָבן געפּרעפּלט אַז דער פּריץ איז אַזוי לאַנג אַרומגעשווומען איבערן ים, ביז ער איז אַרײַנגעפֿאַלן צו די באַשעפֿענישן וואָס זענען האַלב־מענטש האַלב־פֿיש און זיי האָבן אים אײַנגעשלונגען לעבעדיקערהייט, אָדער ער איז אויסגעגאַנגען פֿון זייערע געזאַנגען. ס׳איז אויך געווען אַ גערייד אַז טאָפּיעל, דער נישט־גוטער, האָט אים פֿאַרנאַרט צו זיך אין פּאַלאַץ אונטערן וואַסער.

צען יאָר זענען אַריבער. איין מאָל, ווען דער יונגער פּריץ איז געזעסן מיט זײַן ווײַב און די בענקאַרטעס — ער האָט שוין געהאַט אָנגעפּלאָדיעט אַ האַלב טוץ — און געפּרעסן אַ מאָלצײַט, די משרתים האָבן אים באַדינט, איז צוגעקומען צום טויער פֿון פּאַלאַץ אַ פּויערטע און זי האָט געפֿירט מיט זיך אַ שייגעצל פֿון אַ יאָר נײַן אָדער אַכט. דער וועכטער האָט זי געפֿרעגט וואָס זי וויל און זי האָט געענטפֿערט אַז זי דאַרף רעדן מיטן יונגן פּריץ. דער וועכטער האָט געמיינט אַז זי איז מטורף. ווער האָט דאָס געהערט אַז אַ פּויערטע זאָל וועלן רעדן מיטן פּריץ? ער האָט אויפֿגעהויבן דעם שטעקן און איר געוואָלט דערלאַנגען אַ מתנת־יד, נאָר די פּויערטע האָט זיך צעשריגן: כ׳בין דעם אַלטן פּריצס ווײַב און דאָס איז זײַן קינד, און זי׳ט אָנגעוויזן אויף דעם שנעקל. דער וועכטער טוט אַ קוק און ער זעט אַז דער יאַט איז געראָטן אין אַלטן פּריץ ווי צוויי טראָפּנס וואַסער. אין הויף איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע און מ׳האָט די גויע מיט דעם קלײנעם כּפֿרהניק געברענגט צום יונגן פּריץ. זי׳ט אים דערציילט אַזאַ מעשה: זי שטאַמט פֿון אַ דאָרף אַ פּאָר מײַל פֿון קרעשעוו. איר מאַן איז געווען אַ וואַלדוועכטער בײַם פּריץ אין יענע מקומות. קיין קינדער האָט דאָס פּאָרפֿאָלק נישט געהאַט. אין דער נאַכט פֿון דער פֿאַר־פֿלייצונג האָט דער מאַן גראָד געהיטן אין וואַלד, נישט ווײַט פֿון סאַן, אין אַ וואַלדשטיבל, און ער איז דאָרט געוואָרן אָפּגעשווענקט. מ׳האָט אים שפּעטער געפֿונען.

יענע נאַכט, ווען איר מאַן איז דערטרונקען געוואָרן האָט דאָס וואַסער אויך פֿאַרפֿלייצט איר שטיבל. זי׳ט נישט געהאַט קיין שכנים. אַז ס׳וואַסער איז אָנגעלאָפֿן איז זי אַרויף אויפֿן בוידעם. די לבֿנה האָט געשײַנט ווי בײַ טאָג און זי׳ט געזען ווי אין דעם געפֿלייץ שווימען טישן, בענקלעך, פֿעסער און אַפֿילו וויגן. מיט אַ מאָל האָט זי דערבליקט אַ שווימענדיקע טרומנע. אין דער טרומנע איז געזעסן אַ מאַנצביל און געשריגן מיט באַנומענע קולות. אין אָנהייב האָט זי געמיינט אַז ס׳איז אַ פֿאַרבלענדעניש און אַ צייכן אַז דער מאַן אירער איז טויט. מיט אַ מאָל איז דער פּאַרשוין אַרויסגעשפּרונגען פֿון דער טרומנע. ס׳וואַסער איז נאָך נישט געווען טיף. ער האָט גענומען שלעפּן די טרומנע נאָך זיך. ווען אַזאַ זאַך טרעפֿט מיט אַ שטאָטיש ווײַבעלע, וואָלט זי זיבן מאָל געפּגרט פֿאַר שרעק. אָבער די ערלטע איז, ווײַזט אויס, געווען אַ באַיבאַבע. זי האָט גענומען שרײַען: וואָס ווילסטו? ווער ביסטו? און ער האָט צוריקגעשריגן: איך בין דער פּריץ זאַמאָיסקי, אָדער ווי ער האָט געהייסן. מ׳האָט געהאַט געהערט אין די דערפֿער אַרום וועגן דעם משוגענעם פּריץ



are half women and half fish and succumbed to their songs.

"Ten years passed. Once when the squire's nephew sat with his family at dinner, a peasant woman came to the palace gate leading a little boy of eight or nine by the hand. The guard asked what she wanted and she said that she desired to speak with the young squire. The guard thought that she was crazy—who ever heard of a peasant woman talking to a squire? He lifted his stick as if to let her have it, but the peasant woman yelled, 'I'm the old squire's wife and this is his child!' The guard took one look and saw that the boy resembled the missing man like two drops of water. There was a commotion in the court as they brought the peasant woman to the new squire. She told him that she lived in a village a day's walk from Kreshev. Her husband had been a forester in the woods of the squire of that region. The couple was childless.

"On the night of the flood her husband happened to be in a small hut in the forest and he drowned there. The same night the water had also reached her house. She had no neighbors. When the water rose to her window she ran up to the attic. The light of the moon was as bright as day and she saw floating in the water tables, stools, barrels, and even cradles. Suddenly she saw a floating coffin. In it sat a man shouting for help. In the beginning she thought it was a mirage and a sign that her husband was dead. Then the man jumped out of the coffin and began to draw it toward her. If this had happened to a city woman she would have died of fright. But she was a hardened peasant. She screamed, 'What do you want? Who are you?' And he called back, 'I am Count Zamojski.' In the neighborhood it was known that he slept in a coffin or perhaps she recognized him. There was a granary near the house and the door stood open. The squire dragged the coffin into the granary, locked the door with a chain, and, half naked, climbed up to the woman in the attic. There they waited two days and two nights until the water receded. Soon after that the peasants found her dead husband. The squire remained in the attic until after the funeral."

וואָס פּאַפּט אין אַ טרומנע, אָדער אפשר האָט זי אים דערקענט. ס'איז דאָרט געווען אַ שײַער און די טיר איז געשטאַנען אָפן. ס'וואָסער האָט אַרײַנגע־שטראָמט אַהין אויך. דער פּריץ האָט אַרײַנגעשטופּט די טרומנע אין שײַער, פֿון דרויסן פֿאַרמאַכט די טיר מיטן קייטל און אַ האַלב־נאַקעטער אַרויפֿגע־קלעטערט צו דער ערלטע אויפֿן בוידעם. דאָרט זענען זיי געבליבן צוזאַמען צוויי טעג, ביז דאָס וואַסער איז אָפּגעפֿאַלן. נישט לאַנג דערנאָך זענען פּויערים אַוועק אין וואַלד און דאָרט געפֿונען איר מאַן — אַ טויטן. דער פּריץ האָט אָפּגעוואַרט אויפֿן בוידעם ביז נאָך דער באַגרעבעניש.

— אין די צוויי טעג האָט דער פּריץ אַוודאי געטאָן אירע רעכט, — האָט אַ זאָג געטאָן טעוועלע שמירער.

— כ'רעכן אַזוי. נאָכן באַגרעבעניש האָט די אַלמנה אָנגעטאָן דעם פּריץ איר מאַנס קאַפּטאָן מיט די כאָדאַקעס און ס'האָט געהייסן אַז זי האָט צוגע־נומען אַ פּאַראָבעק. נישט אַלע פּויערים זענען געווען קנעכט. וואַלדוועכטערס האָבן געהאַט זייער אייגן שטיקל ערד. אײדער דער קייסער האָט באַפֿרײַט די פּויערים זענען שוין געווען אַ סך וואָס די פּריצים האָבן זיי אַליין באַפֿרײַט, אָדער זיי זענען אַנטלאָפֿן, צי גאָר זיך אויסגעקויפֿט. אַ פּאַראָבעק איז אַ פּאַראָבעק. די אַלמנה האָט אַוודאי געקראָגן אַ פּענסיע פֿון הויף. יאָ, ווי זאָגסטו? ער האָט געטאָן אירע רעכט. זי האָט געקראָגן אַ בײַכל און אַזוי ווי ער האָט נישט געוואָלט דער שרץ זאָל זײַן אַ ממזר, האָבן זיי חתונה געהאַט. ס'איז געבוירן געוואָרן אַ יאַטל און אים האָט די גויע געבראַכט צען יאָר שפּעטער אין הויף אַרײַן.

— פֿאַר וואָס איז דער פּריץ נישט צוריק אַוועק אין הויף? — האָט טעוועלע שמירער געפֿרעגט.

— איך פֿרעג ד י ך. ס'איז דאָ אַ ווערטל (באַרנצימעס ווערט אויך נימאס.) ס'האָט זיך אים צוגעגעסן צו זײַן אַ פּריץ. אַז מ'איז זעכציק יאָר אַ פּריץ, וויל מען שוין עפּעס אַנדערש. אַחוץ דעם, ווען אַ גוי שלאָפֿט אין אַ טרומנע, איז ער שוין נישט אין גאַנצן בײַ די ריינע געדאַנקען.

— וואָס ווײַטער, האַ?

— אין אָנהייב האָט דער יונגער פּריץ עפּעס נישט געגלייבט אַז די זאַך איז וואָר. ער האָט געפֿרעגט ווי לאַנג ס'איז דאָ אַז דער פּריץ איז טויט און די גויע זאָגט: ער איז נעכטן אַוועקגעפּגרט און ער ליגט בײַ איר אין שײַער. זי איז געקומען, האָט זי געזאָגט, ווײַל פֿאַרן טויט האָט דער פּריץ באַפֿוילן

מ'זאָל איבערטראָגן די טרומנע מיט אים אויפֿן צמענטער צו זײַן ערשט ווײַב. ס'איז אין שלאָס געהאַט געקומען דער גלח און אַנדערע פּריצים. דער יונגער פּריץ האָט געהייסן שפּאַנען די קאַרעטעס און ס'גאַנצע געזינדל איז אַוועק צו דער גויע. אין שײַער איז געשטאַנען די טרומנע און ס'איז דאָרט געלעגן דער אַלטער פּריץ, אָנגעטאָן ווי אַ פּויער, אָבער אַלע האָבן אים דערקענט. מ'האָט אים אַוועקגעפֿירט אין קלויסטער און שפּעטער אויפֿן צמענטער.

— וואָס איז געוואָרן מיט דעם שייגעצל? — האָט טעוועלע שמירער געפֿרעגט.

— מ'האָט אים אַוועקגעפֿירט אין אַ שקאָלע ערגעץ קיין לובלין אָדער וואַרשע. אין דער שקאָלע האָט ער געקראָגן שקאַרלעטינע און איז געשטאָרבן.

— מ'האָט אים אַוודאי פֿאַרסמט.

— ווער וועט סמען אַ קינד? — צוריקגעשמועסט, אַלץ איז געמאָלט.

— דער פּריץ האָט נישט געוואָלט דער זון זאָל אים ירשנען?

— ער האָט, ווײַזט אויס, געוואָלט ער זאָל אויסוואַקסן אַ פּויער. מ'האָט אים גאָרנישט געלערנט.

— וואָס איז געוואָרן פֿון דער מוטער?

— זי איז צוריק אַוועק צו זיך אין דער כאַטע.

— ס'איז נישט געקומען צו קיין פּראָצעס?

— קיין שום פּראָצעס.

— כ'האָב קיין מאָל פֿון דער מעשׂה נישט געהערט.

— וואָס ווייסט עץ יונגע־לײַט? עץ זענט אויפֿגעשטאַנען צו שפּעט.

ג

בענדעט האָט זיך אויפֿגעשטעלט. ער האָט גענומען רײַבן איין האַנט אין דער אַנדערער און קוקן צו דער טיר. נאָך אַ קווענקלעניש האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— איך מוז אַרויסגיין.

— אין ד ע ר קרירה?

— כ'קאָן עס נישט טאָן דאָ.

ער האָט אויפֿגעמאַכט די טיר און איז אַרויס. טעוועלע שמירער האָט געטאָן אַ ווונק.

— ער האָט זײַנע סודות.

— ער גייט נאָך צו די טעכטער?

— כ'האָב אים דאָרט אַליין געזען. כ'האָב געהאַט עפּעס אַן עסק אין די בויאַרעס און כ'בין צוריקגעקומען שפּעט בײַ נאַכט. כ'גיב אַ קוק: בענדעט קריכט. כ'האָב מיך באַהאַלטן הינטער אַ פּלויט און ער איז אַרײַן גלײַך אין נפֿקא־בית.

— זיי האָבן נישט קיין געסט בײַ נאַכט?

— נישט אין מיטן דער נאַכט.

"I'm sure in those two days the squire knew what to do with her," Tevele Smearer remarked.

"I think so. After the funeral the widow gave the squire her husband's clothes and made believe that she employed help. Not all the peasants were serfs then. Foresters and such had their own little properties. Many peasants were freed by the nobles or purchased their freedom. So she had a helper. She began to receive a pension from the court. When, after some months, she became pregnant and did not want to give birth to a bastard, the old squire married her. Their child was born. This was the boy the peasant woman brought with her."

"Why didn't the squire return to his court?" Tevele Smearer asked.

"This is what I'd like to know. There is a saying, 'One gets tired even of kreplech.' When you're a squire for sixty years you want something else. Besides, when a man sleeps in a coffin he's not in his right mind any more."

"What happened then?"

"In the beginning the young squire couldn't believe that all this was true. He asked, 'How long has my uncle been dead?' The woman replied, 'He died only yesterday, and he's lying in his coffin in the granary.' She also said that the squire had asked before his death that his coffin be placed beside the coffin of his first wife. The priest and the other noblemen had arrived, and the whole bunch of them got into carriages to go to the hut of the peasant woman. There they found the coffin with the dead squire dressed as a peasant. They all recognized him. They had him carried to church, where he lay in state for a night, and then he was buried near his first wife."

"What happened to the boy?" Tevele Smearer asked.

"They sent him to school somewhere in Lublin or Warsaw. There he got scarlet fever and died."

"Most probably they poisoned him."

"Who would poison a child in school? Although everything is possible."

"Didn't the squire ask that his son inherit his estate?"

"It seems he wanted him to grow up a peasant. He was never taught anything during the old man's lifetime."

"How about the mother?"

"She went back to her hut."

"It didn't come to a lawsuit?"

"No lawsuit."

"I never heard the story before," Shmuel Klepke said.

"What do you young people know, anyway?"

Bendit got up. He began to rub one hand against the other and look toward the door. After some hesitation he said, "I must go out."

"In this cold?"

"I can't do it here."

He opened the door and went out. Tevele Smearer winked. "He has his secrets."

"Does he still visit his daughters?" Shmuel Klepke asked.

"I saw him there myself. I had some business in Bujary and I returned late at night. Suddenly I saw Bendit. I hid behind a fence and watched him enter the brothel."

"Don't they have customers at night?"

"Not in the middle of the night."

"I wouldn't visit such daughters."

— איך וואָלט צו אַזוינע טעכטער נישט געגאַנגען.
— אַ טאַטע איז אַ טאַטע.

די טיר האָט זיך געעפֿנט. פֿריער איז אַרײַן אַ קנויל פּאַרע, דערנאָך — בענדעט. דער שפּענצער, דאָס היטל, די שטיוול, אַלץ ווײַס פֿון שניי.

— אַ זאַווערוכע!

— מיר'ן נאָך דאָ ווערן פֿאַרשנייט און נישט קענען אַהיימגיין — האָט טעוועלע שמירער געזאָגט.

— בײַ דיר איז דאָס אַ געלעכטערל, האַ? — האָט בענדעט געפֿרעגט. — נישט ווײַט פֿון גאָרײַ איז דאָ אַ באַרג און אַ וואַלד און איין מאָל אין חודש חשוון, באַלד נאָך סוכּות, זענען צוויי פּריצים אַוועק שיסן האָזן אָדער פֿאַזאַנען — דער רוח ווייסט זיי. ס'איז געווען אין אַ זונטאָג און זיי האָבן מיטגענומען די ווײַבער. זיי זענען אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג אין וואַלד און געשאָסן חיות און פֿייגל. ס'איז געווען לינד ווי זומער. מיט אַ מאָל האָט זיך דער הימל פֿאַרטונקלט און ס'האָט גענומען שנייען. ס'האָט געהאָגלט אויך. שטיקער אײַז זענען געפֿאַלן פֿון הימל, אַזוי גרויס ווי גענדזענע אייער. איך געדענק יענעם חשוון ווי הײַנט. ווינטער דונערט נישט. אָבער ס'האָט געבליצט און געדונערט ווי אין תּמוז. דער וועג איז געוואָרן אַזוי פֿאַרשאָטן אַז די פּריצים האָבן נישט געוווּסט וווּ אײַן און וווּ אויס. זיי וואָלטן אַלע געוואָרן פֿאַרפֿרוירן, אָבער זיי האָבן געפֿונען אַ הייל און זיי זענען אַרײַן אין דער הייל. זיי האָבן גערעכנט אַז איבער נאַכט וועט דאָס אומוועטער אויפֿהערן און זיי וועלן גיין אַהיים. גוטע ברידער! זיי זענען אָפּגעלעגן אין דער הייל איבער אַ וואָך. כ'האָב געזען די הייל וואָכן דערנאָך. כ'קאָן נישט באַנעמען ביז הײַנט ווי אַזוי פֿיר פּאַרשוין זענען דאָרט אַרײַן. זיי זענען געלעגן צונויפֿגעקנוילט ווי ווערעם. זיי האָבן געפֿרעסן רוי פֿלייש און געטרונקען שניי. זיי האָבן געוואָרעמט איינער דעם אַנדערן. מ'האָט אַרויסגעשיקט פּויערים מ'זאָל זיי זוכן, נאָר די פּויערים אַליין זענען אויך געוואָרן פֿאַרשאָטן. נאָך אַ וואָך האָט דער שניי אויפֿגעהערט און ס'האָט אויפֿגעשײַנט די זון. זיי זענען אַרויס פֿון דער הייל און זיך דערשלעפּט קיין גאָרײַ. זיי האָבן אויסגעקוקט ווי ווילדע מענטשן. אין גאָרײַ איז נישטאָ קיין דאָקטער און מ'האָט געבראַנגט אַ דאָקטער פֿון יאַנעוו. זיי האָבן אַלע געהאַט אָפּגעפֿרוירענע פֿינגער פֿון די הענט און די פֿיס. יענע צײַטן האָט אַ דאָקטער געוווּסט נישט מער ווי הײַנט אַ פֿעלדשער. ער האָט מיט אַ האַקמעסער אָפּגעהאַקט וואָס מ'האָט געמוזט אָפּהאַקן. ווען נישט, וואָלטן זיי געוואָרן בראַנדיק. ביידע פֿאַרפֿעלקער זענען צוריק אַוועק אין זייערע הויפֿן.

לאָזט מיך אויסדעכצן. איינע פֿון די ווײַבער איז געוואָרן טראָגעדיק און אַרום תּשעה־באָבֿ איז זי געוואָרן געלעגן. אויף אַן עופֿעלע קאָן מען נישט דערקענען אין וועמען ס'גראָט אַרײַן, אָבער ווען די הייבאַם האָט געטאָן איין קוק, האָט זי געוווּסט ווער ס'איז דער טאַטע. זי האָט געשוויגן ווי יורקעס הונט. אָבער וואָס עלטער ס'עופֿעלע איז געוואָרן, אַלץ מער האָט מען אָנגעזען דעם בראָך. דער מיקלאָמפּערשטער טאַטע איז געווען שוואַרץ ווי אַ ציגײַנער, די מוטער אויך אַ טונקעלע, אָבער דאָס נפֿש האָט געהאַט רויטע האָר ווי דער אַנדערער פּריץ. די פּריצים האָבן אַלע געהאַט כאָפּטעס אָרעמע קרובֿים וואָס פֿלעגן זיצן אין די הויפֿן און אָפּלעקן אַ ביינדל — ס'רובֿ אַלטע מוידן און אויך מאַנצבילשע טעלער־לעקערס. זיי האָבן זיך שטענדיק אַרומגעקריגט און זיך געריסן בײַ די נעז. אַז ס'איז געקומען אויף דער וועלט אַזאַ נפֿש, האָבן די מוידן פֿון טאַטנס צד זיך גענומען שושקען אַז ס'איז אַ ממזר. ס'איז דערגאַנגען צום פּריץ. ער איז אַליין אויך נישט געווען בלינד. בײַ די גויים דער האָנאָר איז סכּנת־נפֿשות. ווי אַזוי איז פּוילן געוואָרן צעריסן? יעדער שליאַכטשיץ האָט געוואָלט זײַן קעניג. אין סיים, אַז איינער האָט געזאָגט קלאָץ, האָט דער אַנדערער געשריגן בוידעם. אַז די קאָזאַקן זענען אָנגעפֿאַלן און אויסגעשאָכטן גאַנצע שטעט, זענען די פּריצים געבליבן זיצן בײַ זיך אין די הויפֿן, געשיכּורט און געהעצט איינער אויפֿן אַנדערן. אַז די יוונים האָבן זיך דערנענטערט, האָט דער פּריץ פֿאַרדרייט די וואָנצעס, זיך אויסגעפּוצט אין אַ פֿוטער מיט ווײדלען, אַ סויבעלן היטל, ענלעך צו אַ שטרײַמל, און זיך באַהאָנגען מיט צוויי שווערדן, וואָס יעדער איינער האָט געוויגן אַ צענטנער. די פֿערד זענען געווען פֿעט און שווער פֿון פֿרעסן האָבער און שטיין אין שטאָל. דער פּריץ איז געריטן פֿאָרויס און נאָך אים איז נאָכגעריטן די סוויטע און געבלאָזן אויף טרומייטערס. דער הײַדאַמאַק איז געווען גרינג ווי אַ פֿעדערל און זײַן פֿערדל איז געלאָפֿן פֿײַל־אויסן־בויגן. ער איז אָנגעריטן ווי אַ רוח, אָפּגעהאַקט בײַם פּריץ דעם קאָפּ און געטראָגן אויף דער פּיקע.

קעגן וואָס זאָג איך עס? יאָ, דער האָנאָר. דער פּריץ וואָס זײַן ווײַב האָט געהאַט דעם בענקאַרט איז אַוועק צו צוויי שכנים, זײַנע קומעס, זיי געשיקט צום רויטן פּריץ זיי זאָלן אים אַרויסרופֿן — ווי רופֿן זיי דאָס? — אויף אַ דועל. דער רויטער פּריץ איז געווען אַ ריז, הויך ווי אַ סאָסנע. דער שוואַרצער פּריץ איז געווען אַ קליין מענטשעלע מיט לאַנגע וואָנצעס ביז די אַקסלען. ווען די צוויי פּריצים זענען געקומען צום רויטן פּריץ וועגן דועל, האָט ער זיך צעלאַכט אַז ס'האָט אָפּגעהילכט איבערן גאַנצן פֿאָלוואַרק. ער טוט אַ זאָג: וואָס וויל ער? מיר זענען געלעגן אין דער הייל צונויפֿגעקוועטשט ווי וואַנצן. ווער פֿון אונדז האָט געוווּסט ווער ס'שמונצט מיט וועמען? נאָר אויב ס'פֿאַרגלוסט זיך אים אַ דועל, זאָל זײַן אַ דועל. ווי אַזוי וויל ער זיך שלאָגן, מיט שווערדן, מיט פּיסטוילן? די צוויי שכנים האָבן נישט געוואָלט זיך אַרײַנלייגן אין שלום. וואָס האָט עס זיי געאַרט? זיי האָבן אויסגעקליבן פּיסטוילן. צו מאָרגן,

"A father is a father. Besides, what can he do in his old age? He would have to go to the poorhouse."

The door opened. Bendit entered with a cloud of steam. His clothes, his boots, his hat, everything was white from the snow.

"A blizzard."

"We may get snowed in and not be able to go home," Tevele Smearer said.

"For you it's a joke, hah," Bendit said. "Not far from Goray there is a forest, and once in the month of Heshvan two squires went to shoot hares. It was Sunday and they took their wives with them. It was as warm as a summer day. All day long they kept shooting animals and birds. Suddenly the sky became overcast and it started snowing. It also hailed. Pieces of ice the size of goose eggs fell from the sky. I remember that Heshvan like today. It thundered as if it were the middle of summer. All the paths disappeared and the squires lost their way. They would have frozen to death if they hadn't found a cave. They thought that the blizzard would stop during the night and they'd be able to go home in the morning. My dear friends, they remained in that cave almost a week. Later I saw the cave myself, and I couldn't imagine how four people could exist in there. They must have crawled one on top of the other like worms. They ate raw meat and drank snow. Peasants were sent to find them, but the peasants themselves lost their way. After a week the snow stopped falling and the sun reappeared. They got out of the cave and dragged themselves to Goray. By now they looked like savages. Their toes were frozen and the doctor from Janow chopped them off with an ax. Otherwise they could have gotten gangrene. Both couples returned to their courts.

"Don't interrupt me. One of the women became pregnant and around Tisha B'Av she gave birth. With an infant it's hard to see after whom it takes, but when the midwife took one look at it she knew it didn't come from this squire but from the other one who had been in the forest with them. She kept her mouth shut, but the older the child became the more people were aware of it. The squire who was supposed to be the father was dark and his wife was also a brunette, but the child had red hair like the other squire. The Polish squires all had bevies of poor relations who lived at their courts as hangers-on. Most of them were spinsters and they were forever fighting one another. When this child came into the world, the old maids began to whisper that it was a bastard. The talk reached the squire—besides, he wasn't blind himself. With the nobility honor is the most important thing. How was Poland torn to pieces? Every nobleman wanted to be king. In the Sejm when one nobleman said it was Sunday, another screamed it was Monday. When the Cossacks attacked Poland and slaughtered whole villages, the squires remained drunk in their castles, intriguing against one another. When the enemy approached, the squires twirled their mustaches, dressed up as for a ball in sable furs, put on swords each of which weighed a ton, and even wore golden chains around their necks. Their horses were fat and lazy. The squire would ride to war with his retinue blowing on trumpets. The Cossack was as light as a feather and his horse ran like an arrow from a bow. He moved like a demon, chopped off the squire's head, and carried it on his spear. This is how Poland fell apart.

"Yes, honor. The betrayed husband approached two of his friends and asked them to be witnesses at a duel. The redheaded squire was a giant, while the dark squire was small and wore mustaches down to his shoulders. When the witnesses informed the redheaded squire of the duel, his laugh could be heard over the whole estate. He said, 'What does he want? We were squeezed together in the cave like bedbugs. Who of us could know who we slept with? But if he wants a duel, let there be a duel. What does he choose to fight with, swords or pistols?' The two witnesses could easily have made peace. But what did they care? They chose pistols. The next morning both squires

ס'איז געווען אין בילגאָרײַ אַ ייִד און געהייסן האָט ער מלך ווישקאָווער אַ וואַלד־סוחר, אַ גביר. ער האָט געהאַט אַ ווײַב, ציפּע, און אין דער ציפּען האָט געברענט אַ פֿײַער פֿון גיהנום. קיין קינדער האָט זי נישט געהאַט. אַז מלך האָט שׂימחת־תּורה פֿאַרבעטן דעם עולם אויף קידוש, האָט זי פֿאַרשלאָסן די טיר און קיינעם נישט אַרײַנגעלאָזט. זי האָט אַלע ווײַבער חושד געווען אַז זיי ווילן צונעמען איר מאַן. אים אַליין האָט זי געשאָלטן מיט טויטע קללות. זי האָט אַפֿילו אויסגעלאָזט דעם גרימצאָרן צו גאָטס באַשעפֿענישן. אַז ס'איז פֿאַרבײַ ס'הויז אַ הונט אָדער אַ קאַץ, איז זי קאַפּאַבל געווען אויפֿצוהייבן אַ שטיין און וואַרפֿן. דער מאַן האָט זי גוט באַהאַנדלט. זי וואָלט געהאַט דינסטן אויך, אָבער מער ווי אַ וואָך האָט אַ מויד בײַ דער קאַנאַליע זיך נישט געהאַלטן.

מיט אַ מאָל האָט די ציפּע זיך אַריבערגעפּעקלט. מ'טאָר עס נישט זאָגן, נאָר ס'איז געוואָרן יום־טובֿ אין שטאָט. דער מאַן האָט זיך געזעצט שיבֿעה און באַלד נאָך דער שיבֿעה אַוועקגעפֿאָרן אין די וועלדער. אַלע האָבן געוווּסט אַז ער'ט לאַנג נאָך איר נישט טרויערן. ס'איז קוים אַריבער דרײַ חדשים און ער איז געקומען צו פֿאָרן מיט אַ ווײַב. ער האָט געקראָגן אַ בתולה פֿון אַכצן יאָר, אַ צאַצקע, אַ שטילע טויב, אַ יתומה. געהייסן האָט זי איטעלע. די ווײַבער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו איר ווי בינען נאָך האָניק און זי האָט פֿאַר יעדער איינער געהאַט אַ גוט וואָרט. אַ פּאָר חדשים נאָך דער חתונה האָט מען אָנגעזאָגט די גוטע בשׂורה אַז זי טראָגט. כ'געדענק אַז מײַן מאַמע, עליה־השלום, האָט אַ זאָג געטאָן: נו, און ציפּע וועט דאָס אַלץ פֿאַרשווײַגן?

זי'ט נישט פֿאַרשוויגן. איין מאָל בײַ נאַכט, ווען איטעלע איז געלעגן אין בעט, האָט די איבערדעק זיך אָנגעבלאָזן ווי אַ פּענכער אָדער אַ לונג וואָס מ'בלאָזט אין איר אַרײַן, און זי האָט זיך גענומען שאָקלען און פּאַטשן דער יתומה אין פּנים. דאָס קישן האָט זיך אויך אָנגעבלאָזן. איטעלע האָט געהאַט אַ דינסט, אַ מיידל אין אירע יאָרן, זי איז אַפֿילו געווען מײַנס אַ ווײַטע קרובֿה, קו־פֿערדס־בײַטשס־שטעקלע. זי'ט געהייסן ברײַנדעלע. ברײַנדעלע איז געשטאַנען אין קיך און געלייענט קריאַת־שמע. איטעלע האָט אָנגעהויבן שרײַען און רופֿן ברײַנדעלען. ברײַנדעלע לויפֿט אַרײַן אין שלאָפֿשטוב און זעט וואָס ס'טוט זיך. זי'ט געמאַכט אַ געוואַלד און בײדע זענען אַרויסגעלאָפֿן אין גאַס אין די העמדער. ס'איז זיך אָנגעלאָפֿן אַ געזעמל. געוויינלעך אַ נישט־גוטס דערשרעקט זיך פֿאַר אַן עולם, אָבער נישט ציפּע. זי האָט געהאַקט שויבן און געבראָכן שפּיגלען. הייסע שטיינער זענען געפֿאַלן איבערן דאַך. פֿון קוימען האָט געזעצט אַ פֿלאַם. ס'איז נישט אַריבער אַ נאַכט אָן אַ האַרמידער. ווען איטעלע איז אַרײַן אין קיך איז איר געפֿאַלן אַ ריבאײַזן אין קאָפּ. אַז מלך איז געקומען צו פֿאָרן און געזען ס'אומגליק, איז ער גלײַך אַוועק צום טריסקער רבין און דער רבי האָט געהייסן רופֿן ציפּען צו אַ דין־תּורה. ער איז אַליין געקומען קיין בילגאָרײַ.

צו אַ דין־תּורה דאַרף מען האָבן דרײַ רבנים, אָבער דײַן זיידע האָט געזאָגט אַז ער וויל זיך נישט מישן. ער האָט עס אָנגערופֿן כּישוף אָדער מיט עפּעס אַן אַנדער נאָמען.

— דרכי־אמורי — האָב איך געזאָגט.

— האַ? פֿון וואַנען ווייסטו?

— די מאַמע האָט מיר דערציילט.

— זעט עץ, דער בחור ווייסט דערפֿון. ווען די טריסקער חסידים האָבן געהערט וואָס דײַן זיידע זאָגט, זענען זיי אים געוואָרן שונאים. מ'האָט געבראַכט די רבנים פֿון פֿראַמפּאָל און פֿון גאָרײַ. צען ייִדן זענען אַוועק אויף ציפּעס קבֿר, אָנגעקלאַפּט מיט די שטעקנס און זי גערופֿן צו דעם דין־תּורה. צו מאָרגנס האָט מען אין דער קאַלטער שול פֿאַרהאַנגען אַ ווינקל מיט אַ ליילעך און ציפּעס נשמה האָט געזאָלט שוועבן הינטערן ליילעך. די שול איז געווען פֿול געפּאַקט, מ'האָט נישט געקאָנט קיין שפּילקע אַרײַנשטעקן. דער טריסקער האָט געזאָגט: ציפּע, די טאָכטער פֿון ביילע־מינדל, אַזוי ווי דו ווילסט נישט אײַנרוען אין קבֿר און דו ברענגסט צער אויף דײַן געוועזענעם מאַן און זײַן ווײַב, רופֿן מיר דיך צו אַ דין־תּורה... ער האָט אַרײַנגעמישט אַ סך לשון־קודש און געוואָרנט ציפּען מיט חרם, שופֿר־בלאָזן און שוואַרצע ליכט. די ווײַבער האָבן גענומען יאָמערן ווי אין יום־כּיפּור. כ'בין געווען דערבײַ. כ'האָב אַלץ אַליין געזען. פּלוצעם האָט זיך דאָס ליילעך גענומען שאָקלען און זיך אונטערהייבן און ס'האָט אויסגעזען ווי עמעץ וואָלט פֿון דאָרט געפּרוּווט אַפּערקומען. נו־נו, פֿרעגט בעסער נישט וואָס ס'איז פֿאַרלאָפֿן. ס'איז געוואָרן אַזאַ געוואַלד און אַ שטופּעניש, אַז דרײַ מענטשן זענען געוואָרן דערשטיקט.

— כ'האָב געהערט די מעשׂה, כ'ווייס — האָט טעוועלע שמירער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— ס'איז טאַקע געווען די טויטע? — האָט שמואל געפֿרעגט מיט אַ שמייכל.

"In Bilgoray there was a man called Melech Vishkower, a rich lumber dealer. He had a wife named Tsippa, and this Tsippa was a ball of Hell fire. They had no children. When Melech invited the congregation to his house on holidays, she locked the door and wouldn't let them in. She suspected all women of wanting to take her husband from her. Just the same, she cursed him vilely. She even let out her rage on God's creatures. When a dog or a cat passed her house, she was capable of throwing a stone at it. Her husband treated her well. She could have had maids all the time, but no maid could stay long in her house.

"Suddenly Tsippa got sick and went packing. One shouldn't say so but it made a holiday for the town. Immediately after the shivah her husband left for the forest. Everyone knew that he would not mourn for her very long. Only three months had passed when he reappeared with a new wife. He had married an eighteen-year-old girl, good-looking and an orphan, as peaceful as a dove. Her name was Ittele. The women of the town buzzed around her like bees on honey. A few months later the good tidings were heard that she was pregnant. I remember my mother, peace be with her, saying, 'Well, is Tsippa going to stand for this?'

"She did not stand for it. Once at night in the middle of the winter, when Ittele lay in bed, the feather quilt blew up like a lung and began to slap the orphan's face. The pillow bounced under her head. Ittele had a maid who was a relative of mine, Breindel. Ittele screamed for help and Breindel rushed in. She began to scream too, and both of them ran out to the street in their nightshirts. The town woke up. As a rule ghosts are afraid of people, but not Tsippa. Every night there was another commotion. Hot stones fell on the roof. The chimney spat fire. Dishes were broken. Once when Ittele went into the kitchen a potato grater struck her face. Forgive me, but Tsippi emptied out a night pot into Ittele's bed. When Melech came home and saw what was going on, he went to the rabbi of Turisk and the rabbi told him to summon Tsippa to a hearing.

"For such a proceeding three rabbis are needed. But your grandfather refused to attend. He said it was all witchcraft and idolatry.

"When the Hasids of Turisk heard what your grandfather had said, they all became his enemies. Two rabbis were brought from other villages. A quorum of ten men went out to Tsippa's grave, knocked at it with their canes, and summoned her to the hearing. The next morning a corner of the synagogue was fenced off with a sheet to be ready for Tsippa's soul. The synagogue was so full that a pin couldn't have fitted in. The rabbi of Turisk called out, 'Tsippa the daughter of Beila Dobba, since you refuse to rest in your grave and you bring anguish to your former husband and to his wife, we have summoned you to this court—' He used many Hebrew words and threatened Tsippi with excommunication, the blowing of the ram's horn, and black candles. The women wept as on Yom Kippur. I was there and saw everything. Suddenly the sheet began to shake and to bulge out as if someone were behind it, trying to come out. Better not ask me what happened. There was such an outcry and a stampede that three people were crushed to death."

"I heard the story." Tevele Smearer nodded.

— דער קהלשער באָק. די ווילע־יונגען אין שטעטל האָבן נישט געגלייבט אין קיין שדים. אין דער וואַנט רעכטס האָט אַ פֿענצטער געפֿירט צום פּאָליש. ווען דער דין־תּורה האָט זיך אָנגעהויבן און דער פּאָליש האָט זיך אויסגעליידיקט, האָבן די שוואַרצע חבֿרה אַרײַנגעשלעפּט דעם קהלשן באָק און אים אַראָפּגעלאָזט הינטערן לײַלעך. זיי האָבן אַלץ צוגעגרייט פֿון פֿריִער. ביז עמעצער האָט אונטערגעהויבן דאָס לײַלעך און מ׳האָט דערזען דעם באָק, האָט אַ האַלבע שול ווײַבער געחלשט. צוויי ווײַבער און איין ייִנגל זענען געוואָרן צעטרעטן אין דעם געדראַנג. מ׳האָט איינעם פֿון די קונדסים שפּעטער אײַנגעזעצט אין קאָזע. כ׳זאָג עס קעגן דעם אַז דײַן זיידע איז געווען אַ חכם. ער האָט פֿאָרויסגעזען אַז פֿון אַזאַ זאַך קאָן קיין גוטס נישט אַרויס.

— וואָס איז געוואָרן פֿון דעם מלך ווישקאָווער און זײַן נײַ ווײַב? — האָט שמואל קלעפּקע געפֿרעגט.

— ער האָט פֿאַרקויפֿט ס׳הויז און איז אַוועק פֿון שטאָט.

— די דין־תּורה האָט נישט געהאָלפֿן?

— ווײַזט אויס אַז נישט.

ס׳איז געוואָרן שטיל און בענדעט האָט אַ זאָג געטאָן:

— קינדער, לאָמיר גיין. ס׳טאָגט שוין אין פּינטשעוו.

— איכ׳ל מורא האָבן צו גיין אַהיים — האָב איך געזאָגט.

בענדעט טאַטע האָט געטאָן אַ שמייכל און געוויזן דעם שוואַרצן צאָן:

— וואָס האָסטו מורא? ציפּע איז שוין לאַנג שטיל.

דער שניי אין דרויסן האָט איצט געשאָטן שווער און טרוקן ווי זאַלץ. טעוועלע שמירער און שמואל קלעפּקע האָבן זיך געלאָזט שפּאַנען צו דער לובלינער גאַס. בענדעט איז געגאַנגען מיט מיר. פֿון מאָל צו מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. ער האָט געפֿרעגט:

— די מאַמע לאָזט דיך לערנען אַזוי שפּעט?

— צוויי מאָל אין דער וואָך לערן איך אָן אשמורה.

— כ׳ווייס. כ׳וואָלט דיר געקאָנט דערציילן אַ מעשה וועגן דעם אויך, נאָר בעסער נישט.

— פֿאַר וואָס?

— וואָלסט מורא געקראָגן פֿאַרן אייגענעם שאָטן...

ער האָט מיך צוגעפֿירט צו אונדזער שטוב. דער לאָדן בײַ אונדז אין קיך איז נישט געווען פֿאַרמאַכט און כ׳האָב געזען בענדעטן דורכן פֿענצטער. ווי־וויל די לבֿנה האָט נישט געשײַנט, האָט ער געוואָרפֿן אַ לאַנגן שאָטן. ער האָט געקוקט דאָ רעכטס, דאָ לינקס און געשאַרט מיטן שטעקן, — עפּעס ווי געשריבן אותיות אין שניי. פֿון ערגעץ איז אָנגעלאָפֿן אַ געווירבל — אַ שנייִקע מויד מיט צעלאָזטע האָר, אין צעריסענע קליידער. זי האָט אַרומגעכאַפּט בענדעטן און ער האָט זיך מיט איר געראַנגלט — אַ לאַפּיטוט וואָס וואָגלט אין די נעכט און אַ מכשפֿה וואָס קאָן נישט אײַנליגן אין קבֿר...

1973

"Was it really Tsippa?" Shmuel Klepke asked, smiling.

"It was the community he-goat. There were some wise guys in town who didn't believe in ghosts. The wall on the right side of the synagogue had a window leading to the antechamber. When the hearing began and the antechamber emptied, they dragged in the community he-goat and pushed him through the window into the synagogue behind the sheet. It was all planned. Before someone dared to lift up the sheet to discover the he-goat, half the women had fainted. The three were killed trying to get out of there. One of the tricksters went to prison. I mean to say that your grandfather was a wise man. He foresaw that nothing good could come of something like that."

"What became of Melech Vishkower and his new wife?" Shmuel Klepke asked.

"He sold his house and they left town."

"The hearing didn't help?"

"She kept on pursuing them."

It became quiet, and Bendit said, "Children, let's go home. It's already daybreak in Pintchev."

"I'm afraid to walk alone," I said.

Bendit smiled, showing his single black tooth. "What are you afraid of? Tsippa has been silent a long time."

The snow outside fell as dry and heavy as salt. The blasting wind whipped it into coils. Tevele Smearer and Shmuel Klepke turned into Lublin Street, where they both lived. Bendit walked with me. From time to time he stopped to catch his breath. "Does your mother let you study so late?" he shouted.

"Twice a week I study late."

"I could tell you a story about this but I'd rather not."

"Why not?"

"You'd be afraid of your own shadow afterward."

He took me to our house. The shutter in the kitchen was open and I could see Bendit through the window after I got inside. He stood there with hunched shoulders, shuffling his feet, writing letters in the snow with his cane, and looking to right and to left. He shook his head and seemed to be mumbling and giving signs to some unseen being. Then he began to walk in the direction of the Sands, where his daughters had their brothel.

*Translated by the author and Herbert R. Lottman*